פ' בשלח - תשפ"ג

קרן תוספות יום טוב
שתיקה יפה בשעת התפלה
מקבלים שלא לדבר בשעת התפלה רואים ישועות שלא כדרך הטבע

# נַקְדִישָׁךְ

די אומשאצבארע **סגולה** און די געוואלדיגע **מעלה**
פון **נישט רעדן ביים דאווענען**

אַ לאָנדאָנער איינוואוינער שילדערט:

## מיין שמועס מיט אַ איד פון "ליביע"

אין מיינע יונגע יארן אין חדר דאָהי אין לאָנדאָן האב איך געהאט א מלמד הר"ר ישראל גאלדמאן שליט"א זאל זיין געזונט, וועלכע פלעגט אונז כסדר מוסר-זאָגן איבער דעם ענין פון "מורא מקדש". ער האט אונז דערציילן אז אין גאנץ דרום אפריקא ד.ה. די מדינות פון ליביע, טוניס, און מאראקא וכו', וואו ס'האבן געוואוינט אידישע קינדער, האָבן די נאַצישע מערדער נישט דעפּאָרטירט קיין אידישע קינדער, און די סיבה דערצו איז אנגענומען ווייל מ'איז אין די מדינות מורא'דיג נזהר געווען נישט צו רעדן ביים דאַווענען. מען האָט בכלל נישט גערעדט אין אַ שול.

איך בין דעמאָלט אַלס קינד זייער נתעורר געווארן דערפון. איך האב געקענט א איד וואָס האט געהייסן ר' יוסף טאמאן פון שכינות'דיגן "גאלדערס גרין", ער האט געשטאמט פון ליביע. איך האָב געוואוסט זיין אָפּשטאַם, איז מיר געווען אינטערעסאַנט צו הערן פון אים אַליין צי דאָס איז טאַקע אמת. כ'האב זיך נישט געפוילט, נאָר אראפּגעפארן צו אים און געפרעגט צי ס'איז אמת אז מען האט טאקע נישט גערעדט ביי זיי אין קיין ביהמ"ד. דער ר' יוסף האָט מיך אנגעקוקט מיט שטוינונג און געפרעגט: וואס הייסט? צי מיר האָבן גערעדט אין שול?! חס וחלילה!

ער האָט צוגעלייגט, וואס ער געדענקט פון זיינע יונגע יארן, אז אמאל איז א פרעמדער אויסלענדישער איד אריינגעקומען אין שול צו פרעגן אַן אַדרעס, איז צוגעגאנגען צו אים דער גבאי פון שול און אים ארויסגעווארפן. ס'האט נישט געהאלפן קיין פודינו ומצילינו, אַז ער וויל נאָר דאָס, נאָר יענץ, נאָר אים אָנגעכאפּט און אַרויסגעטראָגן!

ער האָט געדענק ווי די אידן, די מתפּללים האָבן אים געזאָגט: אַז דו האָסט געקענט רעדן אין אַ שול, ווילן מיר דיך נישט האָבן ביי אונז דאָ! עד כדי כך איז געווען דער ציטער און פּחד פון אפילו רעדן אַ וואָרט נאָר אין אַ מקום קדוש. דאָ קען מען בלויז דאווענען און דינען דעם באַשעפער!

ציענדיג דעם שמועס, האב איך אים געפרעגט וואס איז למעשה געווען דאָרט ביי די מלחמה. האט ער דערציילט, אַז די שווערע צייטן זענען דארט אויך אנגעקומען, מ'האט געברויכט גיין מיט א "געלע לאַטע", אָבער "דעפּארטירט" און געהארגעט האט מען נישט, ווי אין אלע אנדערע לענדער וואו די רשעים האָבן באַקומען אַן אחיזה.

דער זכות פון "קדושת ביהמ"ד" און נישט רעדן ביים דאווענען, האט מגין געווען און באַשיצט די דאָרטיגע אידן פון די גזירה!

כ'האָף אַז דער סיפּור וועט מהנה זיין אייערע ליינער, גייט אן ווייטער מיט אייער עבודת הקודש!

פנחס ר. לאנדאן יצ"ו

## די ריעל עסטעיט געשעפטן צוריק אויפ'ן וועג אַרויף ב"ה

איך בין אין דער ריעל עסטעיט ביזנעס, וואָס ווי באַקאַנט גייט די אינדוסטריע אַריבער אַ שטיקל שאָקל. אויך מיר איז עס זייער שווער געוואָרן. די לעצטע שטיק צייט

## הלכה למעשה:

געענטפערט דורך הרה"ג ר' **נחום צבי מאיר ראזענפעלד** שליט"א
מו"ץ בשיכון סקווירא, ומו"ל גליוני הליכות החיים

**שאלה: איך גיי ארום נאך צדקה פאר א וויכטיגן צוועק, און כדי דער ציבור זאל זיך משתתף זיין מיט גרעסערע סכומים און נישט מיט קוואדערס, קלאפּ איך אויס ביי די מנינים, ביי "אשרי ובא לציון", און איך רעד וועגן דעם חשיבות פונעם צדקה-צוועק. צי איז דאס אויסגעהאלטן, אדער עס הייסט אז מען שטערט דעם עולם דאווענען?**

**תשובה:** מען זעט אין די פוסקים, אז אמאל פלעגט אויך זיין דער סדר אויסצורופן א וויכטיגע מודעה א.ד.ג. ביים סוף דאווענען. מען דארף אבער אנמערקן, אז דער "מגן אברהם" שרייבט (שו"ע או"ח, פתיחה לסי' קלב) בשם דעם סמ"ע (חו"מ סי' רס"ז סק"ד), אז מען זאל אויסרופן בעפאר "אשרי ובא לציון" און נישט צווישן אשרי און "למנצח", ווייל דער קדיש תתקבל וואס מען זאגט נאך ובא לציון האט א שייכות צו אשרי, און דעריבער זאל מען נישט מפסיק זיין צווישן אשרי און קדיש. און אוודאי זאל מען נישט אויסרופן בשעת דער ציבור זאגט אשרי, ווייל דאס טוט שטערן די כוונה ביים דאווענען.

אזוי אויך קען מען אויסרופן פאר'ן זאגן דעם "יום", "תפלה לדוד", אדער "קוה", אבער דווקא ווען דער עולם האט דאס נאכנישט אנגעהויבן זאגן.

*

**הוספה אויף די הלכות בנוגע דער וויכטיגקייט פון טיילן צדקה בשעת'ן דאווענען:**

עס ווערט גע'פסק'נט אין שולחן ערוך (סימן תרס"ד), אז הושענא רבה זאל מען נישט טון קיין וואכעדיגע מלאכות פאר'ן דאוונען, און דער "מגן אברהם" ברענגט בשם דעם "לבוש" אז עס זענען דא אזעלכע וואס זענען גאר מהדר אוועקצולייגן דאס בייטל געלט ביז נאכ'ן דאווענען.

האט מורי ורבי, דער קאשויער רב, הגה"ק רבי רפאל בלום זצ"ל, זיך געשטעלט דערויף, אז ווי איז מעגליך צו זאגן אזא זאך, אז הושענא רבה לייגט מען אוועק דאס בייטל געלט ביז נאכ'ן דאוונען, ווען אין דעם הייליגן טאג איז דאך דער גמר חתימה טובה וואס מען בעט זיך אויס אלץ וואס מען דארף אויפ'ן גאנצן יאר, און ווי קען מען דען פועל'ן אויב מ'לייגט אוועק דאס בייטל און מ'טיילט נישט קיין צדקה בשעת'ן דאוונען מעלה צו זיין די תפלות, ווי די הייליגע ספרים טייטשן "ואני בצדק אחזה פניך", דורך צדקה קען מען זיך שטעלן דאוונען פאר'ן רבוש"ע?

נאר - האט דער קאשויער רב זצ"ל – געזאגט, עס מוז זיין אז דער פשט איז, אז מען לייגט אוועק דאס '**בייטל**' כדי עס זאל נישט אויסזען ווי מ'פירט זיך וואכעדיג, אבער דאס '**געלט**' לייגט מען נישט אוועק, נאר מ'נעמט עס ארויס פונעם בייטל און מ'טראגט עס מיט אין בית המדרש צו קענען טיילן פאר ארעמעלייט בשעת'ן דאוונען, און דורך דעם זכות פועל'ט מען אויס אלע ישועות ורפואות. אזוי פלעגט ער זיך טאקע פירן הושענא רבה, מיטצוברענגען מיט זיך געלט צו טיילן פאר צדקה, אבער אן דעם בייטל, כדי משנה צו זיין פון די וואכנטעג. (יש"כ לידידנו הרב אשר אנשיל ניישטאדט וואס האט אונז דאס צוגעוויזן)

א איד האט אונז אמאל צוגעוויזן וואס עס ווערט געברענגט, אז הגה"ק דער סאטמארער רב זצ"ל, איז אמאל אריינגעקומען אין בית המדרש הושענא רבה און האט באמערקט אז עס זענען דא פיל אידן וואס גייען נאך געלט. האט ער זיך אנגערופן, "אה, דעם יאר וועט מען בע"ה קענען גוט פועל'ן, אין זכות פון די געלטער וואס וועלן ארויס גיין דא היינט פאר צדקה!"

איר קענט אריינשיקן אייער שאלות בנוגע קדושת בית המדרש
און עס וועט בעז"ה געענטפערט ווערן אויף דעם אפטיילונג

פ' בשלח
"חתנים דריון"
קול ששון וקול שמחה קול חתן וקול כלה - פרטים יבואו!

## מה חידוש נתחדש בביהמ"ד:

# ביהמ"ד נייעס

פאָזיטיווע אַנטוויקלונגען און נאָטיצן בקרב קהלות, בתי מדרשים, ומוסדות הק', אַרום די **"התעוררות וקבלה טובה"** פון **"נישט רעדן בשעת התפלה וקריאת התורה"**

### 200 תלמידים פון ישיבה גדולה ד'סאטמאר וויליאמסבורג, טראָגן אַריין "קבלה" נישט צו רעדן ביים דאווענען צו כ"ק מרן אדמו"ר מסאטמאר שליט"א

אין די סאטמארער ישיבה גדולה אין וויליאַמסבורג, איינס פון די גרעסטע ישיבות איבער דער וועלט, איז אין די לעצטע וואָכן אנטשטאנען א געוואלדיגע אויפוואַכונג איבער דעם ענין "נישט רעדן ביים דאַווענען", אדאנק די אָנגייענדע התעוררות פונעם "קרן תוספות יום טוב".

אַלס רעזולטאַט האבן לערך 200 תלמידים פון "חלק ב'", דער רוב מנין ובנין פונעם גאַנצן חלק, אונטערגעשריבן די "קבלה" וואס עטליכע חשוב'ע תלמידים עסקנים האבן צונויפגעשטעלט, ווען יעדער חתמ'עט זיין נאָמען, אז ער נעמט אויף זיך "שלא לדבר בשעת התפלה וקריאת התורה".

נאך וואס די חתימות זענען אַריינגעקומען, און זעענדיג וואס א הערליכער מספר תלמידים האבן זיך אנגעשלאסן דערין העכער אלע ערווארטונגען, זענען די תלמידים אַריין אל הקודש פנימה צו זייער ראש ישיבה, כ"ק מרן אדמו"ר מסאטמאר שליט"א, און אַראָפּגעלייגט פאַר'ן רבי'ן שליט"א די "קבלה".

דער רבי שליט"א, וואס איז כסדר מעורר די תלמידי הישיבות איבער דעם "כח התפלה", האט אויסגעדרוקט אַ שטארקע הנאה וקורת רוח פון דער אונטערנעמונג, און אָנגעוואונטשן די תלמידים, ובפרט די עסקנים וואס האבן דאס צוזאמגעשטעלט מברכותיו הטהורות, לשמירה ולהצלחה ברוחניות ובגשמיות און אז די תפלות זאלן ווערן אנגענומען לרחמים ולרצון.

מהם ילמדו וכן יעשו!

### קרוב צו 50 צאן קדשים פון "ביהמ"ד נועם אלימלך ליזענסק" אין וויליאַמסבורג, נעמען זיך אונטער נישט צו רעדן ביים דאַווענען

אין דעם ביהמ"ד "נועם אלימלך ליזענסק", וואס איז א הערליך ווינקל לתורה ולתפלה אין דער שטאָט וויליאמסבורג, באקאנט מיט איר כתר שם טוב, האבן זיך צונויפגענומען די צאן קדשים, די קינדער פונעם ביהמ"ד, און גענומען אויף זיך די "קבלה" נישט צו רעדן ביים דאווענען.

די קבלה איז קודם יעצט פאַר די "ימי השובבי"ם ת"ת", נאך וואָס דער חשוב'ער רב הביהמ"ד שליט"א האט שטארק מעורר געווען אין די לעצטע פאר וואָכן בנוגע קדושת ביהמ"ד, וואס האט איבערגעלאזט א שטארקן רושם אויף אלע מתפללים, זקנים עם נערים.

כדי אנצוהאלטן דעם חשק ביי די קינדערלעך ווערט צוגעשטעלט טייערע גורלות יעדע וואָך, און צום גרויס התרגשות זעט מען ווי קרוב צו 50 קינדער זענען ב"ה אָנגעשלאָסן דערין, און מ'האַלט עס אָן מיט אַ פעסטקייט, וואס האט ממש אַריינגעברענגט אַ פרישע צורה און אַ חן דקדושה אינעם דאווענען.

מפי עוללים ויונקים יסדת עוז!

איז געווען זייער שווער. זאכן האבן זיך נישט געריקט ווי ס'דארף צו זיין, און איך בין געווען זייער באַזאָרגט.

זייענדיג אין דעם מצב, און שפּירנדיג אַז איך דארף עפּעס טון אַ גוטע זאַך פאַר'ן רבוש"ע, אַ דבר טוב לזכותי, און הערנדיג אזויפיל לעצטנס איבער די גרויסע הייליגע סגולה פון נישט רעדן ביים דאווענען, האב איך זיך אונטערגענומען, אַז איך וועל מער נישט רעדן בעז"ה אין ביהמ"ד ביים ליינען, אפילו בלויז נאר בין גברא לגברא.

האמת אגיד, איך וועל נישט לייקענען, אז ס'איז מיר אנגעקומען זייער שווער. נישט גרינג געווען זיך צו קענען צוריקהאלטן פון רעדן. אָבער, איינמאל כ'האב אנגעהויבן, האב איך זיך געהאלטן פעסט. ווי שווער ס'נאר געווען האב איך זיך געשטאַרקט, און ב"ה בייגעקומען דעם נסיון.

אצינד, שטייענדיג מיט 3 וואכן שפעטער, ברוך ה', קען איך ברענגען די גוטע בשורה, אז זאכן האבן זיך א דריי געגעבן שלא כדרך הטבע, און זיך גענומען פאָרן אין גוטן ריכטונג בעסער ווי געראָכטן בעז"ה.

זאָל דער רבוש"ע העלפן ווייטער, ביתר שאת וביתר עז, און כדי אידן זאָלן וויסן די גרויסע סגולה טו איך עס מיט אייך מיטטיילן עס מפרסם צו זיין.

י.ש.מ. - וויליאמסבורג

דער מוסר השכל אין ווייטן אייראָפּע:

## דיין דרייווער הייבט נישט אויף קיין טעלעפאָן אין קלויסטער!

א מורא'דיגע מוסר השכל האט פארציילט הר"ר י.פ. הי"ו, וועלכער איז געפארן לעצטנס צו די מקומות הקדושים אין אייראָפּע.

ווי ס'איז דער סדר אין דער וועלט, ביי אלע וואס פארן, האָט ער צום ערשט באשטעלט אַ קאַר מיט א דרייווער, אַן ארטיגער גוי, וועלכער זאל אים אפּווארטן און אַרומפירן זייענדיג אין אייראפּע פון איין פלאץ צום אנדערן. אָבער, אנקומענדיג אין לופטפעלד, זעט ער צו זיין וואונדער, אז דער דרייווער איז נישטאָ! ער האט נישט ווער ס'זאל אים נעמען און פירן. ער איז געווארן גענצליך פארלוירן, אובד עצות. ער האט זיך גענומען פּרובירן רופן די קאָמפּאַני דירעקט פאר וועלכן יענער דרייווער האט געאַרבעט.

ביז ער איז אנגעקומען צום אייגנטומער פון דער ביזנעס, וועלכער פירט אָן מיט דער טעקסי-קאמפּאני דאָרט, און אים געבעטן ער זאל געוואויר ווערן וואס דא קומט פאר, וואו איז זיין דרייווער פארשוואונדן געווארן. זאגט אים יענער, געב מיר א מינוט איך וועל זיך פארבונדן מיט אים, און איך רוף דיך תיכף צוריק.

נאך עטליכע מינוט רופט ער אים צוריק און זאגט אים הער אויס: איך האב גערופן דעם דרייווער, און ער האט נישט אויפגעהויבן דעם טעלעפאן. דאס איז מיר אַ גרויסער וואונדער, ווייל אייביג הייבט ער אויף, אחוץ ווען ער געפינט זיך אין תיפלה, אין קלויסטער, בלויז דעמאלט הייבט ער אויף דעם טעלעפאן!... ממילא, ווייס איך נישט עכט וואָס איך קען דיר יעצט העלפן אויף דער מינוט.

דער איד, טראַכט נישט יעצט פון זיין מצב, נאָר ער גיט זיך א כאפּ ביי זיך: איין רגע! דער גוי, ווען ער איז אין קלויסטער, ווייסט יעדער, אלע זיינע ארומיגע, אן קיין ספק, אז ער הייבט נישט אויף זיין טעלעפאן! די ווערטער האבן אים אנגעהויבן אריינדרינגען אין הארץ, טיפער און נאך טיפער. קען מען דאָס זאָגן אויף מיר, להבדיל אלף אלפי הבדלות, ווען איך בין אין ביהמ"ד צום דאווענען?!

"אפילו איך וועל נישט טרעפן קיין דרייווער, און איך וועל דארפן צוריק אהיימפארן, האט זיך מיר שוין אויך געלוינט די גאנצע נסיעה ביז אהער", פארציילט דער איד אז ער האט געטראַכט צו זיך, "פּשוט צו הערן פון א גוי מסיח לפי תומו די ווערטער, און צו לערנען דערפון א מוסר השכל! מה דאָך אַ גוי, ווען ער שטייט פארשטייט ער אַז מ'דאַרף האבן רעספּעקט, און מ'רעדט נישט, מ'הייבט נישט אויף קיין טעלעפאָן, וואס זאלן מיר אידישע קינדער, בני קל חי, וואס שטייען פאר'ן הייליגן באשעפער ענטפערן?!"


## מוֹרָא מִקְדָשׁ פַאר קִינְדֶער

צו הערן שיעורים און סיפורים איבער מורא מקדש, רופט

**קרן תוספות יום טוב 212-299-9185**

פאר די **דריטע** רייכע שיעור אין **ספר הקדוש מורא מקדש**,
פארגעלערנט דורך הר"ר **חיים יצחק האכהייזער** שליט"א
**דרוקט נומער 7**

פאר די הערליכע סיפור **לפרשת בא-בשלח**
דערציילט דורך הרב ר' **אהרן ארי' אייזנבערג** שליט"א
**דרוקט נומער 5**

הערט און האט הנאה!

**צו באקומען דעם גליון, אדער פאר הערות, איבערצוגעבן סיפורים, נייעס וכו' פארבינדט אייך מיטן מערכת**





Keren Tosfes Yom Tov
89 Throop Ave Brooklyn NY 11206
212.299.9185 212.244.6551 @ gilyon@kerentosfesyomtov.com

צו באקומען דעם גליון אדער פאר הערות אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים,
רופט / פעקס / אימעיל צו די פאלגענדע:



נַקְדִישָׁךְ
די אומשאצבארע **סגולה** און די געוואלדיגע **מעלה** פון **נישט רעדן ביים דאווענען**